THE NEW YORK PUBLIC LIBRARY
AUG 7 1930
ASTOR, LENOX TILDEN FOUNDATIONS

זון אויפגאנג — 4.54
זון אונטערגאנג — 8.13

די איינציקע אידישע צייטונג אין מערב קאנאדע עטאבלירט אין 1910 דערשיינט יעדן טאג

דאס אידישע ווארט

THE GATEWAY OF THE WEST

THE ISRAELITE PRESS

The Only Jewish Newspaper in Western Canada Established 1910. Published DAILY

וועטער : אומבעסטענדיק קלאר און ווארים

דאנערשטאג ו' אב, תר"ץ.
דערשיינט יעדן טאג חוץ שבת און זונטאג
Published daily except Saturday and Sunday.
Vol. 20, No. 152. Winnipeg, Thur. July 31, 1930.

סעקרעטאר פון רומענישן אינערן מיניסטער ארעסטירט

טאזלעדאנו, ווידאס "רעכטע האנט", וואס האט געשטיצט מיט געלט ארעסטירטן אנטיסעמיטישן פירער, פארלירט זיין שטעלע און איז אונטער ארעסט. — אנטיסעמיטן סטראשען רעגירונג מיט טעראר, אויב זייער פירער וועט פאראורטיילט ווערן. — מאניו האט געוואלט רעזיגנירן, אבער קעניג האט ניט אנגענומען רעזיגנאציע

גאלאץ אין פייער; אידן אטאקירט אין רומענישע שטעט

(ספעציעלע טעלעגראמע צו "דאס אידישע ווארט" פון "איטא")

בוקארעסט, יולי 31 (איטא). — טאזלעדאנו, הויפט סעקרעטאר פונ'ם אינערן מיניסטער ווידא, וועמעס היים די פאליציי איז איבערגעפאלן און אונטערזוכט, איז נעכטן אפגעזאגט געווארן פון זיין שטעלע און ווערט געהאלטן אונטער א היימישן ארעסט.

טאזלעדאנו ווערט אנגעקלאגט אין באנוצן זיך מיט זיין פאזיציע צו באזארגן מיט געלט אין טורמע דעם ארעסטירטן אנטיסעמיטישן פירער קארדעאנו, כדי יענער זאל קענען אנהאלטן זיינע פארבינדונגען פון טורמע מיט זיינע נאכפאלגער אין יאסי.

טאזלעדאנו איז באטראכט געווארן ווי ווידאס רעכטע האנט, כאטש ער האט קיינמאל ניט געפרואווט אפלייקענען זיין פירערשאפט פון די אנטיסעמיטישע סטודענטן.

ווייטערדיקע אונטערזוכונגען וועגן טאזלעדאנוס טעטיקייטן אין סובסידירן די אנטיסעמיטישע סטודענטישע אקטיוויטעטן ווערן איצט אנגעפירט.

וואס איז שייך דעם אנטיסעמיטישן פירער קאדרעאנו, וועלכער זיצט איצט אין בוקארעסטער טורמע, וועט ער אין די קומענדיקע עטלאכע טעג פראצעסירט ווערן אויף א קלאגע פון קרימינאלן כאראקטער. ער וועט נעמלאך אנגעקלאגט ווערן אין אויפרייצן דורך פראקלאמאציעס איין טייל פון דער באפעלקערונג קעגן דעם אנדערן און אין סטראשען מיט טויט און טעראר זיינע קעגנער.

ווי דער "איטא" ווערט באקאנט, האבן קאדרעאנוס נאכפאלגער געשיקט דראענדיקע בריוו צו רעגירונגס באאמטע, סטראשענדיק, אז אויב קאדרעאנו וועט פאראורטיילט ווערן, וועלן זיי זיך נוקם זיין פאר אים, ניט אפשטעלנדיק זיך אפילו פאר דערמארדן זיינע פאליטישע שונאים.

אידן אטאקירט; אידישע הייזער פארברענט; גאנץ גאלאץ אין פייער

בוקארעסט, יולי 30 (איטא). — א שריפה איז היינט אויסגעבראכן אין בעלץ. דער שאדן איז זייער גרויס, אבער קיין איינצלהייטן זיינען נאך דערוויל ניטא פון דארטן.

דער אידישער שפיטאל אין גאלאץ איז פול מיט קרבנות וואס זיינען פארוואונדעט געווארן אין דער צווייטער שריפה וואס איז היינט אויסגעבראכן אין גאלאץ. דער פייער פארשפרייט זיך אזוי שנעל, אז די באפעלקערונג קאן גארנישט ניט רעטן. די הייזער ווערן אינגאנצן פארניכטעט. די לאגע איז א קאטאסטראפאלע, ווייל ס'איז ניטא קיין וואסער צו לעשן די שריפה, און ס'איז ניטא קיין האפענונגען, אז די שריפה זאל אויסגעלאשן ווערן.

ווען די קייבל ווערט געשיקט, בושעוועט נאך די שריפה אין גאלאץ. דער שאדן ביז איצט איז געווען אכט מיליאן לעי.

בוקארעסט, יולי 30 (איטא). — מעלדונגען וואס קומען אן צו דער "איטא" לויט'ן, אז אידן ווערן ווידער אטאקירט אין די גאסן פון בעלץ. צוויי אידן, די ברידער ליפסאן, זיינען צוגענומען געווארן אין האספיטאל, נאכדעם ווי זיי זיינען מערדערלאך צע'ממית'ט געווארן פון סטודענטן, וועלכע זיינען פארהאלטן געווארן פון דער פאליציי.

אין נימערען, ארום קישינעוו, זיינען צע'ממית'ט געווארן ביז באוואוסטלאזיקייט משה אימעקאוויטש און זיין 20 יעריקע טאכטער אסתר. אין דער אטאקע האבן זיך באטייליקט דריי לאקאלע פאליציסטן, וועלכע האבן געזאגט, אז "היינט איז דערלויבט צו אטאקירן די אידן". ביידע קרבנות זיינען צוגענומען געווארן אין שפיטאל אין אן ערנסטן צושטאנד. די רעגירונג האט די דריי פאליציסטן אפגעזאגט פון זייערע שטעלעס און האט זיי באשטראפט.

די דערמארדונג פון שלום מאנוי און די נערוועזע אפילן פון אוריעווער אידן פאר מער שוץ, האט געפירט צו דעם, אז די רעגירונג זאל היינט שיקן א ספעציעלן הויכן באאמטן פון בוקארעסט אונטערצוזוכן די פאסירונגען און אוריעוו און פערזענלאך אנצופירן דעם פראצעס קעגן דעם מערדער פון שלום מאנדוי, דעם עקספראפעסאר מאקעאן, וועלכער זיצט אין אוריעווער טורמע.

בוקארעסט, יולי 31 (איטא). — פרעמיער מאניו האט לעצטן פרייטאג אנגעגעבן צום קעניג די רעזיגנאציע פון זיין גאנצן קאבינעט, ווי א רעזולטאט פון די אנטיסעמיטישע פאסירונגען. דער קעניג האט אבער די רעזיגנאציע ניט אנגענומען.

די מעלדונג ווערט היינט פארעפנטלאכט אין טעגלאכן "קורענטול".

ארץ־ישראל רעגירונג זוכט פרידלאכע לייזונג צו כותל מערבי פראגע

ירושלים, יולי 31 (איטא). — די פאלעסטינער רעגירונג זעצט פאר די באמיאונגען פון דער כותל מערבי קאמיסיע, צו געפינען א לייזונג צו דער כותל מערבי פראגע דורך א פארשטענדעניש צווישן די אידן און די אראבער.

עס ווערט פארשטאנען, אז דער אידישער צד איז גרייט צו אנערקענען אן באדינגונגען די מוסולמאנישע אייגנטום רעכט אויפ'ן כותל מערבי, אויב די מוסולמאנער וועלן אנערקענען די פולע אידישע רעכט תפלה צו טאן ביי ער וואנט. דעם מופטים פארטיי וויל אבער ניט גיין אויף קיין פשרות.

מאן דערטרונקען אין וויניפעג ביטש; צוויי קינדער דערטרונקען באדנדיק זיך אין רעד ריווער

דריי וויניפעגער, צוויי פון זיי 11־יעריקע קינדער, האבן נעכטן פארלארן זייער לעבנס אין וואסער.

פיטער רייט, 181 לאגאן עווע., האט זיך נעכטן דערטרונקען אין וויניפעג ביטש ווען דאס שיפל אין וועלכן ער איז געפארן מיט א חבר האט זיך איבערגעקערט. דעם חבר איז געלונגען אנכאפן זיך אן דעם איבערגעקערטן שיפל און האלטן זיך ביז הילף איז געקומען, אבער רייט איז באלד אונטערגעגאנגען. ער איז געווען אן אלמן, און האט איבערגעלאזט קליינע קינדער.

קענעט האמילטאן, 11 יאר אלט, אדאפטירטער זון פון מר. און מרס. וויליאם ווילסאן, 335 אינקסטער בולווארד, האט זיך דערטרונקען באדנדיק זיך אין רעד ריווער, אראפ פון קאטידראל עווענו. פאליציי האט באלד ארויסגעצויגן דעם קערפער.

טאמאס קים, 11 יאר אלט, זון פון מר. און מרס. ענריו קים, 433 גלאזגאו עווענו, האט זיך דערטרונקען באדנדיק זיך אינ'ם רעד ריווער אונטער גלאזגאו סט. העלדישע אנשטריינגונגען זיינען געמאכט געווארן פון הארלד פוסטי, 636 ווארסאו עווע., צו רעטן אים. עס איז אים געלונגען ארויסצוציען דעם אינגלס קערפער פון אונטערן וואסער, אבער ער איז שוין געווען טויט.

ר. ב. בענעט צייכנט פלענער פאר זיין קאבינעט צוזאמענשטעל

אטאווא, יולי 31. — בעת פרעמיער קינג ווארט ביז אלע זיינע מיניסטארן וועלן קומען, ער זאל אפהאלטן די לעצטע קאבינעט זיצונג און אנגעבן זיין רעזיגנאציע פונ'ם קאבינעט, איז מר. בענעט איצט פארנומען מיט אנצייכענען דעם פערסאנאל פון זיין קאבינעט.

מר. בענעט איז ניט פארפליכטעט צו קיינעם פון זיינע אנהייענגער, און קאן פריי אויסקלייבן פאר זיין קאבינעט וועמען ער פארשטייט. עס ווערט פארשטאנען, אז די קאמפיין הוצאות האט אויסגעלייגט מר. בענעט אליין מיט א טוצן פון זיינע נאענטע פריינט, און ער דארף אזוי קיינעם ניט באלוינען פאר מאטעריעלער שטיצע. עס איז זייער מעגלאך, אז ער זאל פאר זיין קאבינעט באשטימען פערזאנען וואס זיינען קיין דערוויילטע דעפוטאטן.

די לעצטע וואל רעזולטאטן גיבן די קאנסערוואטיוון, 138; די ליבעראלן, 89; די פארמער גרופירונגען, 12; ארבעטער, 3; אומאפהענגיקע, 2, און נאך אומבאשטימטע, 1.

קוועבעק האט דערוויילט 25 קאנסערוואטיוון צו 38 ליבעראלן, און אנטעריא — 22 ליבעראלן צו 59 קאנסערוואטיוון. מאניטאבא האט דערוויילט 4 ליבעראלן, 11 קאנסערוואטיוון און 2 ארבעטער.

יונגע ארבעטער דעפוטאטן בונטעווען זיך קעגן מאקדאנאלדן

לאנדאן, יולי 31. — אין די היגע פארלאמענטארישע קרייזן רעדט מען זייער פיל וועגן א באוועגונג צווישן די אינגערע סאציאליסטן אין הויז צו באזייטיקן ראמזי מאקדאנאלד פון דער פרעמיערשאפט, און פיליפ סנאודען — פונ'ם פאסטן פון פינאנץ מיניסטער. עס איז א סברא, אז אפילו איינער אדער צוויי מיטגלידער פון דער רעגירונג גופא זיינען פארבונדן מיט דער דאזיקער באוועגונג.

אין די לינקערע קרייזן פון דער פארטיי איז מען שטארק אומצופרידן מיט מר. מאקדאנאלד'ס פארזיכטיקייט אין איינפירן סאציאלע רעפארמען און מיט מר. סנאודענס אפזאגן זיך פון סאנקציאנירן געוויסע קאסטבארע ארבעטסלאזיקייט פלענער. די לינקע פארלאנגען אויך די באלדיקע אנטוואפענונג פון ענגלאנד.

עס ווערט באהויפטעט, אז די לינקע שלאגן פאר אז ארטור הענדערסאן, איצטיקער אויסערן מיניסטער, זאל ווערן פרעמיער אויף מר. מאקדאנאלד'ס פלאץ.

מר. הענדערסאן אליין איז איצט אבער קראנק, און ער האט גארנישט ניט צו טאן מיט דער באוועגונג.

פרעמיער מאקדאנאלד און מר. סנאודען, ווערט באהויפטעט, ווייסן גאנץ גוט וועגן דעם קאמף וואס ווערט אנגעפירט קעגן זיי, און עס קאן זיין, אז די פראגע זאל פארגעבראכט ווערן צו א דיסקוסיע אויף א פארזאמלונג פון דער ארבעטער פארטיי.

—(:־:)—

שטריינגער ריכטער פארזוכט זיין אייגענע מעדיצין

ניו־יארק, יולי 31. — עקס־ריכטער וו. בערנארד וואוז, וועלכער האט זיך אויסגעצייכנט ווי א ריכטער אין ברוקלין מיט זיין שטריינגקייט צו די פארברעכער וואס זיינען פאר אים פארגעבראכט געווארן, איז פאראורטיילט געווארן צו 6 יאר טורמע.

עקס־ריכטער וואוז איז געפונען געווארן שולדיק צוזאמען מיט הערי קרוזא און סעמועל שומאן אין באנוצן די פאסט צו באשווינדלען, אין פארבינדונג מיט דער באנקראטירטער קאלומביא פינאנץ קארפאראציע. נאך דריי אנגעקלאגטע האבן זיך אנערקענט שולדיק, און פיר זיינען באפרייט געווארן.

—(::)—

פרוי געטויט ווען אוטאמאביל פאלט אראפ פון בארג

לעטברידזש, אלט., יולי 31. — מרס. טהאמאס ערעמס איז דער'הרג'עט געווארן ארום ווארנער, ווען דער אוטאמאביל אין וועלכן זי איז געפארן, אנגעטריבן פון איר מאן איז ארונטערגעפאלן פון א בארג.

מיטוואך אינדערפרי, איז אן אומבאקאנטער מאן דער'הרג'עט געווארן דרום פון לעטברידזש. ער איז ארונטערגעפאלן פון א טראק אנגעלאדן מיט היי און ער האט זיך איבערגעבראכן זיי האלז.

מזל טוב

א טאכטער געבארן צו דר. און מרס. ה. הערשפילד, יולי דעם 26טן, דעלמאר אפארטמענטס. מוטער און קינד אין בעסטן צושטאנד.

"אר 100" פליט שוין איבער קאנאדע; קומט היינט אן קיין מאנטרעאל

סט. הובערט לופט פארט (מאנטרעאל), יולי 31. — היינט 12.25 פארטאג האט דער בריטישער דיריזשאבל "אר. 100" טעלעגראפירט צו די רעגירונגס באאמטע דא, אז ער פליט איבער דעם אויסגוס פון דעם סט. לארענס טייך און איז ארום 750 מייל פון מאנטרעאל.

די לופט־שיף ווערט דא דערווארטעט ארום 4 אזייגער היינט בייטאג, וואס וועט מיינען, אז זי וועט האבן דורכגעמאכט דעם מהלך פון 3,200 מייל אין 64 שעה. דאס איז בלויז האלב פונ'ם צייט וואס עס האט גענומען צו מאכן דעם זעלבן מארשרוט דעם "אר 34" אין 1919.

די ריזיקע בריטישע לופט־שיף איז פארביינגעפלויגן בעל אייל, ביים ברעג פון לאבראדאר, 9.30 לעצטן אוונט, האבנדיק אזוי איבערגעקרייצט דעם אטלאנטישן אקעאן אין צוויי מעת־לעת. זי האט עס געמאכט שנעלער ווי דער "גראף צעפעלין". אבער יענער האט גענומען דעם לייגערן דרום מארשרוט, בעת דער "אר 100" איז געפלויגן איבער דעם קורצן צפון מארשרוט.

דער "אר 100" איז איינגעריכטעט ווי א פראכטפולע פאסאזשיר שיף פאר 100 פאסאזשירן מיט זייער באגאזש. איצט מאכט ער אבער בלויז א פראוו־רייזע, און מיט אים פארן, אויסער דער מאנשאפט, בלויז זיבן באאבאכטער.

אראבער סטראשען מיט דירעקטע טאטן

ירושלים, יולי 31 (איטא). — די דראאונג אנצואווענדן דירעקטע טאטן אין זייער קאמף אין ארץ־ישראל, ווערט געמאכט אין דעם באריכט פון דער אראבישער דעלעגאציע אין לאנדאן, וואס איז איצט איבערגעגעבן געווארן צו דער אראבישער עקזעקוטיווע.

אין דעם דאזיקן באריכט ווערט אנגעוויזן אויף דער ציוניסטישער פראפאגאנדע אין איראפע, און אויף דער ערנסטער געפאר פאר די אראבער מצד דער ענגלישער פאליסי. "אבער אונזער פאלק וועט ניט מער קוקן דעם טויט אין די אויגן אריין מיט פארלייגטע הענט. מיר וועלן אויסנוצן אלע לעגאלע מיטלען און יעדע מאכט, כדי זיך צו באשיצן פון דער געפאר וואס דראעט די אראבער".

—(:־:)—

אראבישע ארבעטער אין א"י פאדערן 8 שעה ארבעטס טאג

יפו, יולי 31 (איטא). — די אראבישע ארבעטער ארגאניזאציע, וואס האט זיך ניט לאנג צוריק געגרינדעט אין ארץ־ישראל האט איצט באשלאסן נאכצוטאן דעם ביישפיל פון די אידישע ארבעטער, און פאדערן אן אכט־שעה'דיקן ארבעטס טאג און העכערע שכירות.

אין א דערקלערונג וואס די ארגאניזאציע האט ארויסגעגעבן ווערט געזאגט, אז "די אידישע באלעבאטים זיינען ניט בעסער פון די אראבישע באלעבאטים, אבער די אידישע ארבעטער פארשטייען די נויטווענדיקייט צו באשיצן זייערע אינטערעסן. זיינען מיר דען ערגער ווי די אידן? און פארוואס זאלן מיר ניט באשיצן אונזערע רעכט?"

—(::)—

אונגארישע אידן ווענדן זיך צום ערשטן מאל נאך הילף אין אויסלאנד

בודאפעסט, יולי 31 (איטא). — צום ערשטן מאל האבן זיך איצט די פארשטייער פון אונגארישן אידנטום געווענדעט צו אויסלענדישע אידישע הילפס ארגאניזאציעס וועגן הילף פאר די אידן אין אונגארן. דער פרעזידענט פון דער בודאפעסטער אידישער קהלה, באראן קאלער און אנדערע אידישע טוער, האבן זיך איצט געווענדעט אין פאריז צו דער "אליאנס איזראעליט אוניווערסאל" און צום בערלינער אפיס פון אמעריקאנער "דזשאינט דיסטריביוטאן קאמיטע", וועגן הילף פאר די אונגארישע אידן.

—(::)—

אידישע קהלה פון אונגארישער שטאט זאגט אפ לערערן פון שטעלע ווייל זי האט חתונה מיט א קריסט

בודאפעסט, יולי 31 (איטא). — צוליב דעם וואס א לערערן פון דער אידישער שול, וואס שטייט אונטער דער אויפזיכט פון דער קהלה אין דער שטאט מיסקאלטש האט חתונה געהאט מיט א קריסט, האט די קהלה איר אפגעזאגט פון דער שטעלע. די אפגעזאגטע אידישע לערערן האט דאן אנגעקלאגט די קהלה אין געריכט, וועלכער האט באשטימט, אז די קהלה האט ניט קיין רעכט אפצוזאגן די לערערן פון דער שטעלע.

די מיסקאלטשער קהלה האט זיך דאן געווענדעט צו דער רעגירונג וועלכע האט איצט ארויסגעגעבן א באשלוס, אז די קהלה האט געהאט א רעכט אוועקצושיקן די אידישע לערערן פון דער קהלה שול, ווייל זי האט חתונה געהאט מיט א קריסט.

—(::)—

פארזאמלונג פון אידישער פאלקס שול

היינט 8.30 אוונט, אין זאל פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע, 165 סעלקירק עווענו, פארזאמלונג פון דער אידישער פאלקס שול געזעלשאפט.

—(::)—

נייע גאלעריע מיט בילדער ווערט 300 טויזנט דאלאר אפגעברענט

באסטאן, מאס., יולי 31. א קאלעקציע פון 61 בילדער וואס זיינען אפגעשאצט געווארן פון זייער אייגנטימער, דזשאן ט. בארטאן, אין דריי הונדערט טויזנט דאלאר, זיינען פארברענט געווארן.

דער פייער האט פארניכטעט די געביידע וואס איז ערשט מאנטאג דערעפנט געווארן, אלס די "לינקאלן גאלערייעס".

—(:־:)—

פילדערמאן לייקנט אז "פארבאנד" האט געהאלפן דער דערוויילונג פון קוזאן

בוקארעסט, יולי 31 (איטא). — דר. וויליאם פילדערמאן, דער פרעזידענט פון דעם "פארבאנד פון רומענישע אידן", האט פארעפנטלאכט אן אפענעם בריוו אין דער היגער פרעסע, אין וועלכן ער ווארפט אפ די באשולדיקונג וואס איז געמאכט געווארן דורך א רומענישן דיפלאמאטישן באאמטן אין פאריז, אז דער "פארבאנד פון רומענישע אידן", מיט פילדערמאנען אן דער שפיץ, האבן אונטערשטיצט די ווידערדערוויילונג פון דעם אנטיסעמיטישן פירער, קוזא.

דער פירער פון די עגיפטישע נאציאנאליסטן



נאהאס פאשא

נאהאס פאשא, געוועזענער פרעמיער פון עגיפטן, וועלכער איז פון קעניג פואד באזייטיקט געווארן פון זיין פאסטן, נאכדעם ווי דער פארלאמענט איז צעטריבן געווארן.

נאהאס פאשא איז דער פירער פון דער "וואפדי" (נאציאנאליסטישער) פארטיי, די שטארקסטע פארטיי אין עגיפטן, וואס קעמפט פאר אומאפהענגיקייט. מען גלויבט, אז ער איז שולדיק פאר די לעצטע אומרוען אין לאנד, און סער פערסי לארעין, בריטישער הויך־קאמישאנער אין עגיפטן, האט אים געווארנט, אז ער וועט אים האלטן פערזענלאך פאראנטווארטלאך אויב די לעבנס און אינטערעסן פון אויסלענדער וועלן געשטעלט ווערן אין געפאר פון די אומרוען.

פון איילעניש קומט קיין נוטס ניט ארויס, — באזונדערס אויף פארטעדזש עוועניו

א מייל א מינוט, א דאלאר א מייל — איז דער רעקארד פון מייק דעניס, וועלכער האט זיך געיאגט מיט א פאליציי אוטאמאביל כדי צו מאכן פליטה פון א מעגלאכער שטראף וואס ער האט ווארשיינלאך געפילט אז ער פארדינט פאר זיין צו פיל בריה'שקייט צו יאגן זיך איבער פארטיידזש עוועניו, אייבער פופציק מייל א שטונדע, אבער עס איז אים ניט געלונגען. פאליצייסקע אוטאמאבילן קאנען אויך לויפן פלינק, און ער איז ענדלאך אריינגעפאלן אין די הענט פון גערעכטיקייט, און ער איז באשטראפט געווארן מיט פופציק דאלאר און קאסטן.

מאגיסטראט ר. ב. גרייהאם האט זיך נעכטן אפגעזאגט צו גלויבן סיי דעם אנגעקלאגטן און סיי זיינע עדות. האבנדיק בלויז $38 אין זיין באזיץ אין דער צייט ווען ער איז פאר'משפט געווארן צו א שטראף פון פופציק דאלאר, איז מייק דעניס אפגעפירט געווארן הינטער די גראטעס, ביז ער וועט אפזוכן דעם באלאנס פון דעם שטראף געלט.

דער פלינקער מאטאריסט איז געפארן איבער פארטיידזש עוועניו 50 מייל א שטונדע, און ווען ער האט דערפילט אז א פאליציסט יאגט אים, האט ער געלאזט לויפן זיין אוטאמאביל נאך שנעלער, ניט רעכענענדיק זיך מיט די רעזולטאטן צו וועלכע אזא טייוולישער געיעג קאן ברענגען.

אלטער וויניפעגער אידישער תושב געשטארבן

צבי ניוסטאן, א וויניפעגער תושב פאר די לעצטע זיבעצן יאר, איז געשטארבן אין עלטער פון 71 יאר. דער פארשטארבענער לאזט איבער זיין פרוי און דריי קינדער. איין טאכטער, מרס. וואכנאוו און צוויי זין: מ. ניוסטאן אין וויניפעג, און ס. ניוסטאן אין לאנדאן, ענגלאנד, ווי אויך זיבן אייניקלאך.

דער פארשטארבענער איז געוועזן הויך געשעצט אין דעם קרייז פון זיין פאמיליע, ווי אויך אין די קרייזן פון אלע זיינע געוועזענע פריינט און באקאנטע.

צושטאנד פון גערעטעניש אין פריירי פראווינצן האט זיך פארבעסערט די לעצטע וואך

אטאווא, יולי 31. — די גערעטעניש באדינגונגען האבן זיך אין דער לעצטער וואך פארבעסערט אין די פריירי פראווינצן באזונדערס אין סאסקאטשעוואן און אין אלבערטא, לויט'ן לעצטן באריכט פון דער סטאטיסטישער ביורא. אין מאניטאבא איז די לאגע ניט אזוי גלענצענד, צוליב דער אנטוויקלונג פון שטאם־ראסט.

די פארבעסערונג איז געקומען א דאנק די רעגנס פון לעצטער וואך און די אלגעמיינע גינסטיקע וועטער באדינגונגען.

טריקעניש רואינירט שפעטערע תבואות אויף די אמעריקאנער פעלדער

וואשינגטאן, ד. ק., יולי 31. — מיליאנען פארמערס איבער'ן לאנד ווערן פאראומגליקלאכט פון דער טריקעניש.

די טריקעניש איז געקומען צו שפעט צו שעדיקן די נידעריק־געפרייזטע ווייץ. די קוקורוזע אבער, וואס פארקויפט זיך איצט טייערער ווי ווייץ, ווערט צעברענט פון די גליענדיקע זונען שטראלן.

עס ווערן אויך צעשעדיקט די קאטאן פעלדער און די טאבאק פלאנטאציעס, און די לאנקעס ווערן פארטריקנט.

די לאגע פון די פארמערס אין די צעברענטע געגענטן איז זייער א קריטישע, און די רעגירונג הויבט אן באטראכטן פלענער וועגן ארויסהעלפן זיי מיט הלוואות ביז א נייעם שניט.

—(::)—

א. מ. איזראעלס, אין סוויפט קורענט

א. מ. איזראעלס, וועסטערן דירעקטאר פון דער קאנאדער ציוניסטישער ארגאניזאציע, וועלכער פאהט איצט ארום איבער מערב קאנאדע אין די אינטערעסן פונ'ם פאראייניקטן ארץ־ישראל קאמפיין, וועט אדרעסירן א מאסן־פארזאמלונג אין סוויפט קורענט, מארגן, פרייטאג, דעם ערשטן אוגוסט.

אגב - אורחא

פון מארק

נאך די וואלן

לעצטן דינסטאג אינדערפרי, ווען איך בין אויפגעשטאנען פון שלאף, האב איך געפונען דאס פלעשל מילך ביים טיר און די אייז גרייט פאר מיין אייזקאסטן.

די זון האט געשיינט, ווי אלע פרימארגן ווען דער הימל איז ניט פארצויגן מיט כמארעס. פון ווייטן האט זיך געהערט דער טומל פון טראמווייז און די פייפעריי פון אוטאמאביל הארנס. מענשן האבן זיך געאיילט צו דער ארבעט, ווי אלע טאג.

מיט איין ווארט: א טאג, ווי אלע טעג; א ליכטיקער פרימארגן, ווי אלע ליכטיקע פרימארגנס.

און מיין פרימארגן צייטונג דערציילט גאר וועגן אן איבערקערעניש; וואס דארף זיין מיר, און אט אלע מענשן פערזענלאך נוגע!

וואו זשע איז די איבערקערעניש? איך זע זי ניט, און איך פיל זי ניט. דער אייזמאן, דער מילך־מאן און אט די אלע מענשן אין גאס פילן זי אויך אפנים ניט שטארק . . .

אפשר איז די זון אביסל פינסטערער דעם פרימארגן פאר די וואס האבן פערזענלאך געליטן די מפלה. מיר, דאס פאלק, נעמען זיך אפנים דעם גאנצן ענין ניט באזונדערס שטארק צו הארצן . . .

* * *

דער פנים פון דער וועלט האט זיך גאר ניט איבערגעביטן פון דער "איבערקערעניש".

אפילו די ארבעטסלאזיקייט, וועלכע די קאנסערוואטיווע זיגער האבן צוגעזאגט אפשאפן ווי נאר זיי גייען אריין אין מאכט איז נאך, א סברא, אין פולער קראפט; און די ווייץ פרייזן גליטשן זיך אויך ווייטער אין אפגרונט.

נאטירלאך, האט איר דאס רעכט צו לעבן מיט האפענונגען: אט, ווי נאר מר. בענעט נעמט איבער די רעגירונגס לייצעס אין זיינע הענט, וועט עס אנהויבן גיין א גאנג.

וועל איך ניט זיין קיין שלעכטער מענטש צו באראבן אייך פון אייערע האפענונגען. וועל איך אייך לאזן גלויבן, אז מר. בענעט און זיינע ראטגעבער זיינען גרעסערע חכמים, ווי אלע שטאטסמענער פון דער וועלט, וואס אקערן די ערד מיט'ן נאז, צו געפינען עפעס א מיטל קעגן ארבעטסלאזיקייט.

* * *

און אפשר גלויבט גאר קיינער פון אונז ניט אין די ישועות וואס מען האט אונז צוגעזאגט: וואס, וויפיל מאל האט מען אונז שוין אפגענארט?

פארוואס זשע פארט האבן מיר אויסגעקליבן א נייע רעגירונג?

אפשר טאקע דערפאר, ווייל די זאך איז אונז ניט באזונדערס נוגע.

אונטער דער אלטער רעגירונג איז אונז געווארן שלעכט, — נו, איז זאל זיין א נייע: אנווערן האבן מיר דאך ניט וואס...

עס זיינען דא וויניק ווילער, וואס קאנען זיך פאנאנדערקלייבן אין דער טאריפן פראגע, וואס טיילט כלומר'שט אפ די צוויי הויפט־פארטייען.

און די וואס קלייבן זיך יא פאנאנדער, ווייסן, אז דער אונטערשייד אויף דעם געביט צווישן די ליבעראלן און קאנסערוואטיוון איז זייער א קליינער. די ערשטע זאגן אז זיי זיינען קעגן טאריפן, און מאכען טאריפן; און די לעצטע זאגן אז זיי זיינען פאר הויכע טאריפן, און זיינען פארזיכטיק אין פארגרעסערן די טאריפן.

קיין גרויסן אונטערשייד קאן דאס אין דעם עקאנאמישן לעבן פון לאנד זיכער ניט מאכן.

מיר האבן דערפאר ניט דערוויילט קיין קאנסערוואטיווע רעגירונג, ווייל מיר פארלאנגען הויכע טאריפן, ווי מען וויל אונז איינשמועסן. ס'איז אונז פשוט געווען שלעכט, האבן מיר אויסגעלאזן דאס הארץ צו דער רעגירונג וואס איז אריינגעפאלן אין אונזערע הענט . . .

* * *

אויב עס וואלט געווען טאריפן, ווי זשע קומט עס, וואס קוועבעק, טראדיציאנעל ליבעראל, האט מיטאמאל א ווארף געטאן זיך אויף דער זייט פון די קאנסערוואטיוון און בריטיש קאלומביא, לעצטנס שטארק קאנסערוואטיוו, איז דוקא איצט אריבער טיילווייז צו די ליבעראלן?

איך בין אונטער'ן איינדרוק, אז די ווילער האבן פשוט געוואלט אפרעכענען זיך מיט זייערע דערוויילטע פאר זייערע אייגענע צרות, ניט רעכענענדיק זיך מיט די רעזולטאטן.

* * *

ווער איז אבער פארט קלינער, — די ווילער פון קוועבעק, אדער פון בריטיש־קאלומביא? די וואס האבן געפרואווט רעטן די אלטע רעגירונג, אדער די וואס האבן דערוויילט די נייע?

די "פרייע ארבעטער שטימע" וואלט געזאגט, אז די קליגסטע זיינען די, וואס האבן גארניט געשטימט; — און איך גלויב, אז אזלעכע זיינען געווען ארום 40 פראצענט פון אלע ווילער.

איך קאן אבער א טייל פון די חכמים, און איך ווייס, אז מיט קליינע אויסנאמען שטימען זיי ניט — ניט ווייל זיי זיינען צו קלוג צו שטימען, נאר ווייל זיי אינטערעסירן זיך בכלל ניט מיט קיין געזעלשאפטלאכע ענינים.

אבער איך גלויב אויך ניט שטארק אין דער גרויסער חכמה פון די מייסטע וואס שטימען.

אונזער דעמאקראטיע איז נאך קינדעריש נאאיוו. זי דארף נאך אויסוואקסן צו פארשטיין און פילן דעם כח וואס זי קאן פארמאגן, ווען זי פארשטייט . . .